בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען יֶעדֶעם בַּאזִיגְן

אַלֶע אִידְן וֵויינֶען, אַלֶע בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין דִי הַייזֶער מִיט פַארְמַאכְטֶע פֶענְסְטֶער; ׳וָואס גֵייט דָא זַיין?׳ עֶס אִין אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק, דִי פְּלִשְׁתִּים דִי אַרַאבֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען אַלֶע יָארְן דִי אִידְן – הָאבְּן אַ נֵייעֶם פְּלַאן, זֵיי ווִילְן מַאכְן אַ פַּארְמֶעסְט. קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס מֵיינְט ׳אַ פַּארְמֶעסְ׳? מֶען נֶעמְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער אַנְטְקֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן, דִי צְוֵויי פַארְטְרֶעטְן אַנְדֶערֶע, זֵיי מַאכְן אַ מִלְחָמָה אוּן וֶוער עֶס פַארְלִירְט מֵיינְט אַז אַלֶע הָאבְּן פַארְלוֹירְן.

דִי אַרַאבֶער זָאגְן: ״מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִּיבּוֹר אוּן דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ גִּיבּוֹר, דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן אוֹיבּ דֶער פְּלִשְׁתִּי וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן דִי אִידְן זַיין אוּנְטֶערְדְרוּקְט אוּנְטֶער דִי אַרַאבֶער אוּן אוֹיבּ דֶער אִיד וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועלְן מִיר זַיין עֶנְקֶערֶע קְנֶעכְט״.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דִי אַרַאבֶער הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ מִין בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט אָנְרוּפְן מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מֶער וִוי אַ פַארְצִיקְנְדֶע חַיָּה וִוי אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ״גָּלְיַת״, עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט זֶעקְס פִינְגֶער אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ רִיז, הוֹיךְ צְוֶועלְף פִיס, טָאפְּלְט פוּן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע בַּארְג אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי אִידְן, עֶר הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִי אִידְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוֹיךְ דֶער קֶענִיג ״שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ״ אִיז בַּאהַאלְטְן. אַלֶע וֵויינֶען, מֶען צִיטֶערְט, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם שְׁרֶעקֶעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ ״גָּלְיַת״.

אֵיין קְלֵיין אִינְגֶל – מִיטְ׳ן נָאמֶען ״דָוִד״ – זָאגְט פַארְ׳ן אִידִישְׁן קֶענִיג: ״אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, דֶער קֶענִיג זָאל מִיר גֶעבְּן רְשׁוּת, אִיךְ וֶועל גֵיין הַרְגְ׳נֶען דֶעם פְּלִשְׁתִּי״.

דֶער קֶענִיג וואוּנְדֶערְט זִיךְ: ״וָואס? דוּ קְלֵיינֶער אִינְגְל, דוּ קֶענְסְט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי רִיזִיגֶע חַיָּה?!״ דָוִד זָאגְט: ״אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר הֶעלְפְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד״; דֶער קֶענִיג גֶעבְּט רְשׁוּת.

דָוִד שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בַּארְג, עֶר נֶעמְט פִינְף שְׁטֵיינֶער, דִי פִּינְף שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דִי פִּינְף וֶוערְטֶער וָואס מִיר אִידְן זָאגְן יֶעדְן טָאג: ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד״. אֵיין שְׁטֵיין אִיז ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״, דִי צְוֵוייטֶע שְׁטֵיין ״ה׳״, דִי דְרִיטֶע שְׁטֵיין ״אֱלֹקֵינוּ״, דִי פֶערְטֶער שְׁטֵיין ״ה׳״ אוּן דִי פִינְפְטֶע שְׁטֵיין ״אֶחָד״. עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ: ״הֶערְט אוֹיס אַלֶע אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְזֶער גָאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים״.

דֶער פַּארְצִיקְנֶדֶער חַיָּ׳ וֶוערְט פַּארְשֶׁעמְט, עֶר שְׁרֵייט: ״וָ ו א א ס ס???? אִיךְ בִּין אַ הוּנְט???? וָואס דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ?!״ אַ הוּנְט וֶוען מֶען ווִיל עֶס פַּארְטְרַייבְּן - וַוארְפְט מֶען קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער; ״אִיךְ בִּין דֶער גְרוֹיסֶער גִיבּוֹר, דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער אַרַאבֶּער! מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מֶעסֶער! אוּן דִי גְרֶעסְטֶע גָאן!!!״

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט ׳אַלֶעס אִין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן׳; עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ...!״ אוּן נֶעמְט אַ שְׁטֵיין אוּן שִׁיסְט עֶס אַרַיין אִינֶעם קָאפּ פוּנֶעם פְּלִשְׁתִּי, דֶער רִיזִיגֶער פְּלִשְׁתִּי פַּאלְט אַרָאפּ, עֶר חַלֶשְׁ׳ט! אוּן דָוִד לוֹיפְט צוּ צוּ אִים, עֶר כַאפְּט זַיין מֶעסֶער אוּן שְׁנַיידְט אָפּ זַיין קָאפּ.



אַלֶע אַרַאבֶּער אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה. וִוי אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעווּאוּנֶען דִי מִלְחָמָה? מִיט אֱמוּנָה! מִיט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל! טַייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזִיגְן.

**נלקח מתוך הספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1